בס"ד ע"י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

וישב - מקץ-חנוכה | שנת תשפ"ו לפ"ק | גליון תצ"ד

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

**גליון זה נתנדב**

ע"י ידידנו ותומכנו היקר הנדיב הטפסר הנכבד, בונה ומקים עולמות של תורה ובלבו הזהב והרחום מרבה להטיב לכל איש ישראל

**מוה"ר ישראל שיפף הי"ו**

**ראה"ק דקהל יטב לב סאטמאר מאנסי**

לרגל השמחה במעונו בנישואי בנו החתן המהולל כמר **חיים שמעון** ני"ו

עב"ג **הכלה החשובה** תחי' בת מו"ה ר' **דוד מאיר אדלער** הי"ו

יזכה לראות דורות ישרים ומבורכים מכל יו"ח בבריות גופא, ויזכה להמשיך בפעולותיו המבורכות להגדיל תורה ולהאדירה

## הרוצה בתשובה

### אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (מט)

### חנוכה-געלט

#### באצאלן א פריוואט-מלמד פאר'ן אייניקל

**שאלה: מיין זון האט א קינד וואס דארף וויכטיג האבן א מלמד וואס זאל צולערנען מיט אים, און ער האט נישט די מעגליכקייט דאס צו באצאלן. צי בין איך אלס זיידע מחוייב דאס צו באצאלן פאר'ן אייניקל אז ער זאל קענען לערנען?**

**תשובה:** עס ליגט א חיוב אויפ'ן טאטן צו לערנען תורה מיט זיין זון, און אויב ער קען נישט אליין לערנען מיט אים דארף ער צאלן פאר איינעם צו לערנען מיט אים.

אזוי אויך ליגט א חיוב אויפ'ן זיידן צו לערנען תורה מיט זיין אייניקל - סיי מיט זיין זונ'ס זון און סיי מיט זיין טאכטער'ס זון - ווי עס שטייט אין פסוק "והודעתם לבניך ולבני בניך", און דערפאר, אין יעדן פאל וואס דער טאטע קען נישט באצאלן פאר איינעם צו לערנען מיט'ן זון, און דער זיידע האט יא די מעגליכקייט דערצו, האט ער א חיוב דאס צו באצאלן.[1]

#### געבן חנוכה-געלט פון מעשר

**שאלה: איך האב, ברוך ה', עטליכע קינדער און עס קומט מיר אויס א שיינע פאר הונדערט דאלער צו געבן חנוכה-געלט פאר די מלמדים און לערערינס. צי מעג מען דאס געבן פון מעשר-געלט? אזוי אויך אויב מען גיט געלט לכבוד ראש חודש אד"ג.**

**תשובה:** מען קען דאס געבן פון מעשר-געלט, ווייל עס איז לצורך מצוה, וויבאלד אז מען שטיצט דעם מלמד וועט ער האבן א באזונדער געפיל זיך אפצוגעבן מיט'ן קינד געטריי. און אפילו אויב דער מגיד שיעור א.ד.ג. איז א שיינער בעל-פרנסה פון אנדערע געשעפטן קען מען אים געבן פון מעשר-געלט וויבאלד עס וועט זיכער ברענגען א תועלת פאר'ן זונ'ס הצלחה, און עס הייסט א צורך מצוה.[2]

**באמערקונג:** די מלמדים, מגידי שיעורים א.ד.ג. וואס באקומען געלט פון עלטערן דארפן נעמען מעשר דערפון, אזוי ווי פון אנדערע פארדינסטן.[3]

#### געבן פאר'ן באס-דרייווער פון מעשר

**שאלה: צי מעג מען געבן חנוכה-געלט פאר'ן באס-דרייווער פון מעשר?**

**תשובה:** עס איז א חשוב'ע זאך מהנה צו זיין דעם באס-דרייווער אויב מעגליך, אבער פון מעשר-געלט מעג מען דאס געבן נאר אויב דער באס-דרייווער איז נישט קיין גרויסער

⮜

## דאנקען און לויבן - דער יסוד צו דורכמאכן דעם גלות

עס איז באוואוסט דער כוח ממשיך צו זיין חסדים דורך הודאה, דורכ'ן לויבן השי"ת. דער הייליגער חיד"א ברענגט, אז דאס איז מרומז אין פסוק "יוֹדוּ לַה' חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם". דער פסוק הייבט אן מיט א לשון יחיד "יוֹדוּ לַה' חַסְדּוֹ" און איז ממשיך מיט א לשון רבים - "וְנִפְלְאוֹתָיו", אסאך וואונדער. נאר די כוונה איז, אונז צו לערנען אז אויב א מענטש האט זוכה געווען צו חסד פון אויבערשטן און ער דאנקט דערויף דעם באשעפער, איז ער ממשיך דורך דעם אז השי"ת זאל משפיע זיין ווייטער נאך און נאך אסאך חסדים.

אוודאי איז נישט דער תכלית פונעם לויבן כדי זוכה צו זיין צו נאך חסדים, נאר די כוונה דארף זיין צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף די חסדים און נפלאות וואס ער האט געטון מיט אונז, ווי רש"י זאגט אין דער פרשה פון ביכורים: "ואמרת אליו - שאינך כפוי טובה", צו ווייזן אז מיר זענען נישט קיין כפוי טובה, און מיט'ן דאנקען איז מען ממילא זוכה אז עס זאלן אראפקומען נאך חסדים, און מען דאנקט ווייטער אויף די חסדים, און אזוי איז מען ממשיך שטענדיג א קייט פון נאך און נאך חסדים וואס שטעלט זיך נישט אפ.

חנוכה איז די צייט פון "להודות ולהלל". מען דארף דאנקען דעם אויבערשטן אויף אלע נסים וואס ער האט געטון מיט אונז. עס שטייט אין הייליגן "בני יששכר", פארוואס האט מען אוועקגעשטעלט חנוכה אויף "להודות ולהלל"? ווייל דער נס חנוכה איז געווען סוף פון גלות יון, און די חכמים האבן געוואוסט אז יעצט הייבט זיך אן גלות אדום, וואס איז זייער א לאנגער גלות, און אידן וועלן אלעמאל אין דעם שווערן גלות דארפן אז דער אויבערשטער זאל משפיע זיין פאר זיי חסדים, נסים ונפלאות. דערפאר האבן די חכמים מתקן געווען צו לויבן און דאנקען יעדעס יאר אויף די נסים וואס השי"ת האט געטון מיט אונז ביז יעצט, און **דורך דעם וועט השי"ת אונז ראטעווען אויך להבא און משפיע זיין ווייטער חסדים און נסים.**

("נתיבות קודש" - שיחות והדרכות מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א)

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

מדור זה נתנדב
על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר מנחם מענדל שפירא הי"ו
לרגל שמחת הכנסת בנו כמר יוסף נ"י לבריתו של אאע"ה
זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו להתברך
בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות ולרוות רוב נחת
דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא

בעל-פרנסה, ד.ה. ער קען נישט חתונה מאכן די קינדער אליין אָן זייטיגע הילף, וואס דעמאלט הייסט עס ווי צדקה.[4]

### געבן פאר די קינדער פון מעשר-געלט

**שאלה: חנוכה גיב איך געווענליך פאר די חתונה-געהאטע קינדער געלט אדער ניצליכע מתנות וואס מען דארף אין שטוב. צי קען מען דאס געבן פון מעשר-געלט?**

**תשובה:** פאר די קינדער און אייניקלעך וואס זיצן און לערנען קען מען געבן געלט און מתנות פון מעשר-געלט[5], אבער פאר די וואס ארבעטן און פארדינען געהעריג קען מען נישט געבן פון מעשר-געלט.

### טיילן חנוכה-געלט און מתנות

**שאלה: צי האט דאס טיילן חנוכה-געלט אדער מתנות א מקור אין הלכה?**

**תשובה:** טיילן חנוכה-געלט האט א מקור אין די ספרים הקדושים און אסאך צדיקים האבן זיך אזוי געפירט, אבער טיילן מתנות האט נישט קיין מקור.[6]

## א נייע מנורה

### קויפן א זילבערנע מנורה פון מעשר געלט

**שאלה: מיין חנוכה-מנורה איז שוין אלט און עס איז שוין צייט פאר א נייע מנורה. צי מעג איך קויפן א נייע מנורה פון מעשר-געלט וויבאלד עס איז א צורך מצוה?**

**תשובה:** מען זאל עס נישט קויפן פון מעשר-געלט.[7]

### "שהחיינו" אויף א נייע מנורה

**שאלה: איך האב באקומען פון א איד א הערליכע זילבערנע מנורה. צי דארף איך מאכן דערויף "שהחיינו"?**

**תשובה:** עס איז נישט איינגעפירט היינטיגע צייטן צו מאכן "שהחיינו" אויף כלים, אפילו ווען עס איז א גרויסע שמחה. אויב מען האט עס באקומען שוין פאר חנוכה און מען צינדט דערין די ערשטע נאכט, זאל מען אינזין האבן ביי "שהחיינו" ביים צינדן אויך אויף דער נייער מנורה.[8]

## חנוכה א צייט פון למעלה מדרך הטבע

דער "בני יששכר" שרייבט, אז א גאנץ יאר געפינט זיך א מענטש אונטער דער הנהגה פון דער טבע, ווייל אזוי האט דער אויבערשטער באשטימט, אז די וועלט זאל זיך פירן בדרך הטבע, און כדי זוכה צו זיין צו אפענע נסים דארף א מענטש האבן עקסטערע זכותים. **חנוכה, אבער, איז א צייט פון "למעלה מדרך הטבע".**

ווי עס האט פאסירט בימים ההם: א קליין הייפעלע אידן, געווען זענען זיי שוואכע מענטשן, בכלל נישט געווען קיין געלערנטע מלחמה-לייט, האבן באזיגט די צענדליגער טויזנטער יוונישע קעמפער מיט אלע זייערע בעסטע כלי מלחמה. אזוי אויך דער נס מיט'ן קריגעלע אומבארירטן אויל וואס האט געברענט אכט טעג איז געווען למעלה מדרך הטבע .

דעם מוסר השכל פון די חנוכה-נסים לערנען מיר אפ אין די טעג, בכל דור ודור: הייבט זיך א מענטש אויף העכער דער טבע און לעבט מיט אמונה אין אויבערשטן און א קלארע ידיעה אז אלעס, אלעס פירט דער אויבערשטער, און קיין זאך אין דער וועלט איז נישט קיין צופאל, דאן פירט זיך דער אויבערשטער אויך מיט אים למעלה מדרך הטבע.

מיר זאגן אין "על הנסים": "מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתך". שטארקע אין דער האנט פון שוואכע, ווייסן מיר, איז א נס. פילצאליגע אין דער האנט פון ווייניגע, דאס איז אוודאי אויך א נס. אבער אומריינע אין דער האנט פון ריינע, אדער רשעים אין דער האנט פון צדיקים, בייזוויליגע אין דער האנט פון תורה-לערנער - וואס איז דער נס דא?

זאגט דער "בני יששכר": פארוואס איז געשען דער גרויסער נס, אז עס זענען איבערגעגעבן געווארן "גבורים ביד חלשים" און "רבים ביד מעטים"? ווייל זיי, די שוואכע און ווייניגע, זענען געווען "טהורים". זיי האבן זיך געהאלטן ריין, געדענקט דעם רבוש"ע און געטון זיין רצון. ווען אידן פירן זיך בטהרה, איז נישט קיין חילוק צי זיי זענען שטארק צי שוואך, פיל אדער ווייניג - די שטארקע און פילע ווערן אלעמאל איבערגעגעבן ווערן אין זייערע הענט.

אט-דער יסוד איז געזאגט געווארן נישט נאר ווען עס קומט צו זיג אין מלחמה. דאס זעלבע



מדור זה נתנדב
ע"י ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר יעקב יוסף בר"מ קאפף הי"ו
לכבוד ימי החנוכה
יהי רצון שיזכה לכל ההשפעות והאורות, ולרות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יו"ח מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

## חנוכה-ליכט צינדן

### אויסלעשן די מנורה נאך א האלבע שעה

**שאלה: אויב מען גייט אוועק נאכ'ן צינדן די מנורה, צ.ב.ש. מען גייט עסן ביי די עלטערן, צי מעג מען עס אויסלעשן די מנורה פאר'ן אוועקגיין?**

**תשובה:** מען זאל זיך אויסנעמען פון פאראויס אז מען וועט עס אויסלעשן נאך א האלבע שעה, און דעמאלט קען מען עס אויסלעשן. (מען דארף זייער אכטונג געבן נישט צו לאזן די מנורה אליין אויב עס איז דא אפילו א מינדסטע חשש סכנה ה"י, ווי דער מציאות האט שוין פיל מאל געוויזן.)

### טון ארבעט נאכ'ן חנוכה-ליכט צינדן

**שאלה: דער מנהג איז אז פרויען טוען נישט קיין מלאכה נאכ'ן חנוכה-ליכט צינדן. וועלכע מלאכות גייען אריין אין דעם כלל?**

**תשובה:** דער מנהג איז, אז ביז האלבע שעה נאכ'ן צינדן די חנוכה-ליכט, טוען די פרויען נישט קיין מלאכה, וויבאלד זיי האבן א באזונדער שייכות מיט'ן חנוכה יום-טוב, וואס דער נס חנוכה איז געשען דורך א פרוי, יהודית.

די מלאכות זענען נייען, וואשן וועש און ביגלען.

מען מעג אבער קאכן, באקן, איבערציען די בעטן, וואשן געשיר אא"וו.

### עסן פאר חנוכה-ליכט צינדן

**שאלה: וואס איז די הלכה וועגן עסן פאר'ן צינדן די חנוכה-ליכט?**

**תשובה:** מען טאר זיך נישט וואשן צו ברויט אין דער האלבער שעה פאר'ן זמן פון צינדן חנוכה-ליכט.

אזוי אויך טאר מען נישט עסן קיין קעיק, קוקיס, דאנאטס א.ד.ג. מער ווי א "כביצה".

אויב מען שטעלט א שומר וואס זאל דערמאנען צו צינדן ביים זמן, מעג מען עסן.

פרוכט און אנדערע עסן פון "שהכל" אדער "האדמה" א.ד.ג. קען מען עסן.[9]

מ'זאל אבער נישט עסן א געהעריגע פולע נאכטמאל (אפילו נישט מזונות).

### אויב דער מאן צינדט שפעט

**שאלה: אויב דער מאן צינדט שפעט די מנורה, צי דארף די פרוי זיך אפהאלטן פון עסן ביז ער צינדט?**

**תשובה:** אויב עס פעלט אויס קען זי עסן (אויך מזונות מער ווי א "כביצה").[10]

### אויב מ'האט אנגעהויבן "הנרות" פאר'ן אנצינדן די ליכט

**שאלה: וואס איז די הלכה אויב מען האט אנגעהויבן זאגן "הנרות הללו" באלד נאך די ברכות, פאר'ן צינדן דאס ערשטע לעמפל, צי הייסט עס א הפסק?**

**תשובה:** מען דארף אכטונג געבן דאס נישט צו טון, אבער בדיעבד הייסט עס נישט קיין הפסק, וויבאלד עס איז פונעם ענין פון דער ברכה.

איז לגבי געזונט, פרנסה און אלע באדערפעניש אין לעבן. וואס מער מיר געדענקען און אנערקענען אז מיר געפינען זיך אין די הענט פונעם אויבערשטן, אלץ מער דערהייבן מיר זיך העכער די גרעניצן פון טבע.

עס האט דערציילט א חשוב'ער רב שליט"א: עס איז געווען א יונגערמאן, מיינער א תלמיד, וואס איז ל"ע קראנק געווארן אויף לוקימיע. נאך דער ערשטער רונדע שווערע בא האנדלונגען, האט עס אויסגעזען ווי ער איז געזונט געווארן, אבער א קורצע צייט שפעטער איז די מחלה ל"ע צוריקגעקומען. ער איז דורכגעגאנגען א צווייטע סעריע שווערע "קימאָ"-טעראפיע, און דאן האבן די דאקטוירים אים געזאגט אז ער איז, ברוך ה', געזונט אבער קינדער וועט ער מער נישט קענען האבן. זיי האבן אים אפגעשריבן א צעטל מיט אלע איינצלהייטן, ווי אזוי זיי זענען צוגעקומען צו דעם אויספיר.

דער יונגערמאן און זיין פרוי זענען געווען זייער צעבראכן, און ער איז געקומען צו מיר אויסגיסן זיין ביטער הארץ. איך האב פרובירט אים מחזק זיין. עס איז געווען אין די טעג פון ערב חנוכה, האב איך אים איבערגעזאגט די ווערטער פונעם "בני יששכר", אז חנוכה פירט זיך דער אויבערשטער מיט אידן למעלה מדרך הטבע.

"גיב א קוק," האב איך אים געזאגט. "עס האט זיך אזוי געפירט אז דו זאלסט דאס הערן יעצט אין די טעג פאר חנוכה, און דו האסט יעצט א גוטע מעגליכקייט אויסצו'פועל'ן א ישועה, ווייל ווער ס'לעבט מיט'ן אויבערשטן און ווייסט אז עס איז נישטא קיין שום טבע, נאר אלעס איז דער רבוש"ע אליין, דער מסבב כל הסיבות - פירט זיך דער אויבערשטער מיט אים אויך למעלה מדרך הטבע. אויב וועסטו זיך מחזק זיין דערין מיט אן אמת, וועסטו דאס מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף קענען זען מיט די אייגענע אויגן."

**איין יאר שפעטער, איז דעם יונגערמאן געבוירן געווארן א געזונט און ליכטיג קינד.** ער האט מיר געברענגט צוויי צעטלעך. אויף איינעם זענען געשטאנען די שווארצע נבואות פון די דאקטוירים, אז ער וועט נישט קענען האבן קיין קינדער. דער אנדערער צעטל איז געווען דער געבורט-סערטיפיקאט פון דעם קינד.

יעצט אין די טעג פון חנוכה, לאמיר געדענקען דעם געוואלדיגן כח התפילה וואס מיר האבן,

1. כמבואר ביור"ד סי' רמ"ה ס"ג דהחיוב ולמדתם אותם הוא גם לבני בנים ובש"ך שם ד"ה לנינו דהיינו לבן בן בנו, ולבן בתו. **2.** דאין לשלם מעות מעשר על דבר שבחובה ואף דאין ליתן מעות מעשר לשכר לימוד משום דהוא חובה לשכור מלמד אבל מה שהוא יותר מהחיוב שלו מותר ממעות מעשר ואפי' המלמד הוא עשיר אם נוהג במעות מעשר עיין צדקה ומשפט פ"ו סי"ד ובשו"ת משיב נבונים ח"ג. **3.** פשוט דהוא מעות שמקבל במתנה שצריך לעשר עיין ספר שנה ראשונה. **4.** כיון שאינו לצורך לימוד התורה אינו נחשב לדבר מצוה ואסור ממעות מעשר, אבל אם הוא עני מותר אף שאביו יש לו טובת הנאה מזה שימסור ביותר לבנו טובת הנאה מותר ממעשר. **5.** בנים נשואים שהם עניים ולומדים בכולל הוא מצוה גדולה ויש ג"כ דין קדימה משאר עניים עיין ספר מקדש ישראל מעש"כ. **6.** בספר החי' מבואו עד צאתו פרק ל"א מביא מספר מועד לכל חי ואשרי אדם שנותן למלמד של בניו כמו בפורים ויזכה בזה דהון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד. **7.** דהדין הוא דבמצוה שהוא מחוייב בה אסור ליתן ממעות מעשר ומה שהוא מוסיף משום הידור מצוה מה שאינו מחוייב יש פוסקים שמותר מממעות מעשר אבל במנורה אין המצוה בעצמו של המנורה עיין ספר צדקה ומשפט פ"ו סי"ג ובספרנו שנה ראשונה ע' עד"ר. **8.** כמבואר בסי' רכ"ג דאם קנה כלים חדשים שיש לו שמחה בזה מברך שהחיינו ואף שאין נוהגים כן בכל השנה מ"מ כשמברך ממילא שהחיינו בוודאי שיש לכוון ג"כ ע"ז. **9.** כן שמעתי מהגר"י וואזנער ראב"ד סקווירא ששמע כן מהאדמו"ר מרחמסטריווקא זצ"ל. והגם שהוא משביע, ע' בהליכות שלמה הל' חנוכה. **10.** לעת הצורך מותר, ע' שו"ת בצל החכמה ח"ד סי' נח. ועיין פסקי תשובות סי' תרעב אות ח'. **11.** כן שמעתי מהגר"י וואזנער ראב"ד סקווירא ששמע כן מהאדמו"ר מרחמסטריווקא זצ"ל. והגם שהוא משביע, ע' בהליכות שלמה הל' חנוכה. **12.** כמבואר בסי' קעח, ובסי' רח סי"ז. **13.** כמבואר בסי' שכ דכיון שאין צריך להשמן שרי ועיין שלחן השבת מלאכת דש עמ' שצב. 14. הלל לנשים לרוב פוסקים אין חיוב לאשה דהוא שהזמן גרמא ויש פוסקים שמביאים דברי תוס' סוכה לח שחייבים דאף הן היו באותו הנס. ויזהרו שלא לדלג שום תיבה עיין פסקי תשובה תרפג. **15.** עיין שו"ת שה"ל ח"ז סי' סב וח"ח סי' לט. ובנשים יש להקל שלדעת הרבה פוסקים אינן חייבין באמירת הלל. **16.** ע' חיי הלוי ח"י. **17.** כמבואר בסי' קד ס"ג, ועיין ספר אשי ישראל פל"ב דמותר אפי' בדבר שאינו מעכב את התפילה כגון על הניסים. והטעם דצריך לחזור למקומו, מאחר שהתחיל להתפלל וכבר קבעה השכינה מקום שם, ולכך צריך הוא לחזור למקום שקבע לשכינה ולסיים שם תפלתו. **18.** בספר מקדש ישראל סי' רעד דאסור דהוה כמקח וממכר. **19.** שם סי' רעד דאם הדריידל הוא מיוחד לשחק עמה במעות אין לטלטלה מחמה לצל כדי להצניע אבל אם מייחד מער"ש לשחק עמה סתם באגוזים לא להרוויח שרי.

### אריינציען שלש סעודות אדער צינדן די מנורה

**שאלה: אין דעם בית המדרש וואו איך דאוון יעדע וואך שבת, ציט מען אריין שלש סעודות ביז צען-פופצן מינוט נאכ'ן זמן מוצאי שבת, ווי עס שטייט אין די ספרים הק' דער חשוב'ער ענין צו ווייזן א חביבות פאר'ן שבת קודש און זיך נישט ארויסאיילן פונעם שבת. די שאלה איז, וואס איז שבת חנוכה, וואס עס שטייט אז מען זאל זיך מזרז זיין צו צינדן די מנורה באלד נאך מעריב - צי איז גלייכער צו דאוונען אין א פלאץ וואו מען ציט נישט אריין?**

**תשובה:** ווילאנג עס איז נאך שבת און מען זאגט דברי תורה און שירות ותשבחות פאר'ן אויבערשטן, וואס מען איז עוסק אין מצות שבת, דארף מען זיך נישט איילן צו דאוונען מעריב, אבער ווי-נאר מען ענדיגט שלש סעודות און מעריב, דארף מען זיך מזרז זיין דאס מערסטע וואס שייך.

## דאָנאַטס/לאטקעס

### א פאָר-ברכה אויף דאָנאַטס ביי א סעודה

**שאלה: אויב מען עסט דאָנאַטס אינמיטן א חנוכה-סעודה, צי דארף מען מאכן דערויף א פאָר-ברכה?**

**תשובה:** חנוכה דארף מען נישט מאכן דערויף קיין פאָר-ברכה, אפילו ווען מען עסט עס פאר הנאה, וויבאלד עס איז דער סדר עס צו עסן אינמיטן דער סעודה, און עס איז ווי מען האט אינזין געהאט דערויף ביים אנהייב סעודה.[11]

### אויב מ'האט געגעסן א לאטקע פאר דער סעודה

**שאלה: אויב מען האט געגעסן א קארטאפל לאטקע און דערנאך זיך געוואשן צו א סעודה און געבענטשט, און נאכ'ן בענטשן דערמאנט מען זיך אז מען האט נישט געמאכט קיין נאך-ברכה אויף דער לאטקע, צי דארף מען יעצט מאכן א נאך-ברכה, אדער עס איז שוין גע'פטר'ט געווארן מיט'ן בענטשן?**

**תשובה:** מען דארף מאכן "בורא נפשות" אפילו אויב מ'האט זיך געוואשן נאכדעם צו א סעודה און אפילו אויב מ'האט שוין געבענטשט, און עס ווערט נישט גע'פטר'ט מיט'ן בענטשן, וויבאלד מען איז שוין פריער מחוייב געווארן צו מאכן "בורא נפשות".

**שאלה: וואס איז די הלכה אין אזא פאל לגבי דאנאטס, אויב מען האט נישט געמאכט "על המחיה"?**

**תשובה:** אויב מ'דערמאנט זיך אינמיטן דער סעודה, זאל מען דעמאלט מאכן "על המחיה". אויב מ'האט שוין געבענטשט, האט מען יוצא געווען מיט'ן בענטשן און מען זאל נישט זאגן "על המחיה".[12]

אויסצו'פועל'ן ישועות ורפואות, געזונט פרנסה ונחת, למעלה מדרך הטבע אין אלע ענינים.

### ווען מ'פרובירט, איז מען זוכה צו סייעתא דשמיא

די גמרא דערציילט (ברכות כ.), אז רב פפא האט געפרעגט פון אביי, פארוואס אין די פריערדיגע דורות זענען געשען נסים און מיר זענען נישט זוכה דערצו, און אויב איז דאס ווייל אמאל איז געווען מער תורה, איז דאך עס אבער נישט אזוי, ווייל אין דור פון רבי יהודה האט מען געלערנט בעיקר סדר נזיקין און היינט לערנט מען אלע זעקס סדרים.

האט אביי געענטפערט, אז אין די פריערדיגע דורות האט מען זיך מוסר נפש געווען אויף די מצוות, און מיר זענען זיך נישט מוסר נפש דערויף ווי זיי, דערפאר זענען מיר נישט זוכה צו אזעלכע נסים.

דערציילט הרה"ג ר' פנחס ערלענגער שליט"א: ביי דער וועלט-מלחמה זענען געווען אסאך אידן וואס האבן פרובירט צו אנטלויפן קיין רוסלאנד, וואס איז דעמאלט געווען א מער פארזיכערטע ארט, אבער פיל פון זיי האבן עס נישט באוויזן, און אפילו די וואס זענען שוין געווען אויף די באנען אויפ'ן וועג אהין האבן נישט אלעמאל געהאט קיין ערפאלג, און פיל פון זיי זענען ליידער אנגעקומען אהין שוין נישט לעבעדיג. אויך די וועמען עס האט יא אפגעגליקט אנצוקומען קיין רוסלאנד האט אויך נישט אפגעווארט קיין גאלדענע גליקן



**הגליון והפצתו נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

מו"ה ר' **הערשל ראזנבערג** הי"ו

**לכבוד ימי החנוכה - בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו שיזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח
ויה"ר שיזכה להמשיך לזכות הרבים בהרחבת הדעת ולשורר שירה מתוך שמחה עד נזכה לביאת גואלינו במהרה בימינו

### די ברכה אויף לאטקעס

**שאלה: וואס איז די ברכה אויף לאטקעס, און צי איז דא א חילוק צי עס איז צעריבן געווארן מיט א ריב-אייזן אדער מיט א בלענדער?**

**תשובה:** אויב עס איז געמאכט געווארן מיט א בלענדער מאכט מען "שהכל", ווייל עס ווערט אינגאנצן צעמאלן. אויב עס איז געמאכט מיט א ריב-אייזן און מען דערקענט שטיקלעך, מאכט מען "האדמה" (אויסער די וואס פירן זיך צו מאכן אלעמאל "שהכל" אויף קארטאפל אפילו ווען עס איז נישט צעריבן).

### אויסקוועטשן א לאטקע

**שאלה: צי מעג מען שבת אויסקוועטשן א לאטקע אדער דאנאט וואס איז אנגעזאפט מיט אסאך אויל?**

**תשובה:** מען מעג עס אויסקוועטשן, וויבאלד מען דארף נישט דעם אויל.[13]

### ארויפלייגן לאטקעס אויף א הייסן טאפ

**שאלה: צי מעג מען פרייטאג צו-נאכט ארויפלייגן לאטקעס אויפ'ן דעקל פונעם טאפ טשאלנט אז עס זאל ווערן הייס?**

**תשובה:** עס איז מותר, וויבאלד עס איז א טרוקענע זאך, כאטש עס איז אביסל פעטיג פונדרויסן.

### אויפלאזן שאקאלאד אין הייס וואסער

**שאלה: צי מעג מען שבת אריינלייגן שאקאלאד אין א גלעזל הייס וואסער אז עס זאל זיך אויפלאזן, צו לייגן אויף א געבעקס א.ד.ג.?**

**תשובה:** מען זאל דאס נישט טון, ווייל כאטש עס איז נישטא קיין איסור בישול (קאכן) וויבאלד דאס גלעזל הייס וואסער איז א "כלי שני", איז אבער דא אן איסור פון "מוליד" (מאכן עפעס וואס איז נישט געווען), וויבאלד מען מאכט פון א הארטע זאך אן אויפגעלאזטע זאך.

### אפקראצן "סקרעטש אוו קארדס" שבת

**שאלה: עס זענען דא קינדער וואס שפילן שבת מיט "סקרעטש אוו קארדס" און קראצן דאס אפ צו זען אותיות אדער נומערן. צי מעג מען דאס טון שבת?**

**תשובה:** עס איז אן איסור פון "מוחק", און אויך זענען די קארטלעך מוקצה.

## הלל

### מיטזינגען ביי הלל ווען מ'האלט נאך פריער

**שאלה: אויב מען האלט אינמיטן הלל און דער ציבור האלט שוין ביי "פתחו לי שערי צדק" און זינגט, צי מעג מען מפסיק זיין און מיטזינגען?**

**תשובה:** מען קען מיטזינגען, אבער נישט זאגן די ווערטער.

### חיוב פון הלל פאר פרויען

**שאלה: צי דארפן פרויען זאגן הלל חנוכה?**

**תשובה:** פרויען זענען נישט מחוייב, אבער עס איז א חשוב'ע זאך צו זאגן הלל, בפרט אז עס איז א יום טוב פון "להודות ולהלל",

◄

**הופיע!** כמעשהו בראשונה אויף די פרשיות השבוע, כך מעשהו בשניה!




שוין דא צובאקומען דעם הערליכן ספר **"ישא מדברותיך"** ח"ב אויף **יו"ט חנוכה** און די אנדערע ימים טובים

שנתחבר ע"י הרה"ח ר' **ישראל אברהם שפירא** שליט"א

יהי רצון שיזכה להפיץ מעיינות חכמתו ולרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

אונטער דער מאכט פון די רוסישע רשעים, אבער אזויפיל איז דאס געווען א הילף, אז דארט האט עקזיסטירט עפעס א מעגליכקייט איבערצולעבן, כאטש אונטער די שווערסטע אומשטענדן.

צווישן די גליקליכע בעלי-מזל וועמען עס איז געלונגען אנצוקומען קיין רוסלאנד, איז געווען א גרופע בחורים פון דער טעלזער ישיבה, וואס זענען ארויף אויף דער לעצטער באן וואס איז אפגעפארן פון דער ליטע קיין רוסלאנד. צווישן זיי איז געווען הגאון רבי חיים שטיין זצ"ל, וועלכער האט שפעטער אויפגעשטעלט אין קליוולאנד די טעלזער ישיבה, אויפ'ן נאמען פון דער ישיבה אין דער ליטע וואס איז חרוב געווארן אין קריג.

די נסיעה מיט דער באן האט געדויערט לאנגע טעג. געווען איז דאס א שווערע און גאר פיינפולע רייזע וואס מען קען זיך גארנישט פארשטעלן אין געדאנק. ליידער האבן עטליכע בחורים נישט איבערגעלעבט דעם וועג, צוליב'ן הונגער און די אנשטעקיגע קרענק וואס האבן דעמאלט געבושעוועט. זייערע חברים האבן זיי געברענגט צו רו בשעת די באן האט זיך אפגעשטעלט ערגעץ-וואו אונטערוועגנס, און זייער מקום מנוחה איז נישט באוואוסט עד היום.

אין איינעם פון די טעג פארנדיג אזוי אויף דער באן, איז אנגעקומען דער יום טוב חנוכה. "טייערע חברים!" האט איין בחור אויסגערופן צו די חברים. "היינט קומט אויס די ערשטע נאכט חנוכה. מען דארף צינדן חנוכה-ליכט!"

זיי האבן אלע געוואוסט אז עס איז חנוכה, אבער ווער קען דען אויפברענגען אין געדאנק דאס צינדן חנוכה-ליכט אין אזעלכע אומשטענדן, ווען אפילו אין מויל צו נעמען איז נישטא, און ווער רעדט נאך פון אויל און קנויטן?

פון דער אנדערער זייט, ווי קען מען דען נישט מקיים זיין די באליבטע מצוה צו צינדן חנוכה די מנורה?...

האבן די בחורים זיך וווקגעזעצט צוזאמען און אנגעהויבן שפעקולירן מיט זייערע ישיבה-מוחות, ווי אזוי מען קען פונדעסטוועגן מקיים זיין די מצוה אויך אונטער אזעלכע באדינגונגען. ביז ענדליך זענען זיי אויפגעקומען מיט א געלונגענעם געדאנק: יעדעס מאל וואס די באן וועט זיך אפשטעלן, וועלן זיי אראפגיין פון באן און פרובירן אפקלייבן אביסל מאשין-אויל פון

**מדור זה נתנדב**
על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **שמואל** ברמ"י **לונגער** הי"ו
**לרגל שמחת הכנסת בנו יוסף שלמה ני"ו**
**לבריתו של אאע"ה**
זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו להתברך
בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות ולרוות רוב נחת
דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא

און ווען מען זאגט הלל קען מען זאגן מיט א ברכה.[14]

### אויב מען האט אויסגעלאזט "לא לנו"

**שאלה: אויב מען האט געזאגט הלל ביחידות און נישט געדענקט אז חנוכה זאגט מען גאנץ הלל און מען האט אויסגעלאזט "לא לנו" און "אהבתי", און מען כאפט זיך סוף הלל, וואס זאל מען טון?**

**תשובה:** מען זאל צוריקגיין צו "לא לנו" און זאגן פון דארט אויפ'ן סדר. אויב מען האט שוין געענדיגט הלל, זאל מען זאגן נאכאמאל פון אנהייב הלל און מאכן נאכאמאל די ברכה (פרוּוען זאלן נישט מאכן נאכאמאל א ברכה).[15]

### אויב מ'איז געגאנגען אין בית הכסא אינמיטן הלל

**שאלה: אויב מען איז געגאנגען אין בית הכסא אינמיטן הלל, הייסט דאס א הפסק?**

**תשובה:** אויב מען איז נישט געווען אויף לאנג, איז דאס נישט קיין הפסק און מען זאל זאגן ווייטער וואו מען האלט.

אויב עס איז שוין אריבער אזויפיל צייט ווי עס נעמט צו זאגן גאנץ הלל, זאל מען אנהייבן נאכאמאל פון אנהייב און מאכן נאכאמאל די ברכה.

### א פרוי וואס וויל זאגן הלל נאך ליכט-צינדן

**שאלה: א פרוי וואס האט זיך דערמאנט שבת חנוכה נאך איר ליכט-צינדן אז זי האט נאכנישט געזאגט הלל, צי קען זי נאך זאגן יעצט הלל, אדער וויבאלד זי האט מקבל שבת געווען הייסט שוין נאכט ביי איר?**

**תשובה:** זי קען זאגן הלל אָן א ברכה (אבער אירע טעכטער קענען זאגן מיט א ברכה).[16]

די באן-רעדער און דאס אריינלייגן אין קליינע גלעזלעך.

און קנויטן? דערפאר וועט מען זיך אויך אן עצה געבן: מען וועט אפרייסן א שטיקל סחורה פון די אפגעצויטע בגדים פון איינעם פון זיי. שוועבעלך האבן זיי יא געהאט מיט זיך, און אזוי וועט מען קענען צינדן חנוכה-ליכט.

אומר ועושה. ווען די באן האט זיך אפגעשטעלט, זענען די בחורים אראפגעגאנגען און האבן זיך גענומען צו דער מלאכה, אפקראצנדיג מיט גרויס מי אביסל אויל פון די באן-רעדער. ווען עס איז צוגעפאלן די נאכט, האבן זיי איינגעטונקען דאס שטיקל סחורה אינעם קריגעלע אויל און געצונדן א חנוכה-לעמפעלע!

געווען איז דאס איין קליין לעמפעלע וואס האט פארשיינט די פינסטערע נאכט אין דעם שווערן גלות-וועג און האט באלויכטן זייערע אלעמענ'ס הערצער מיט אנגענעמע זכרונות פון אן אמאליגע ליכטיגקייט, ווען עס איז נאך געווען א וועלט און זיי האבן געצונדן די מנורה ביי זייערע טאטעס אין די שטיבער, ארומגענומען מיט דער ווארעמקייט פון דער גאנצער משפחה. דאס איינע לעמפעלע וואס איז געצונדן געווארן מיט מסירת נפש האט אנגעצונדן אין זייערע פארלאשענע געמיטער נייע פונקען פון האפענונג אויף א ליכטיגן עתיד.

דער חנוכה-נס אויפ'ן וואנדער וועג צווישן דער ליטע און רוסלאנד האט זיך איבערגע'חזר'ט אזוי אין יעדער פון די חנוכה-נעכט. ביז עס געקומען די לעצטע נאכט חנוכה, און דעמאלט האבן זיי זיך געטראפן אין א פראבלעם. אזוי ווי אין יעדן פון די פריערדיגע טעג, זענען זיי אויך יענעם טאג ארויס פון דער באן און פרובירט אראפנעמען אויל פון די רעדער, אבער עס איז נישט געגאנגען, וויבאלד דער פראסט אינדרויסן איז געווען א שרעקליכער, צוואנציג גראד אונטער זערא. יעדער טראפן אויל איז געווען פארפרוירן, און זיי האבן נישט באוויזן אפצוקראצן אפילו איין טראפן אויל.

מיט צעבראכענע הערצער און אויגן אנגעפילטע מיט טרערן, זענען זיי צוריק אריין אין דער באן, און איינער נאכ'ן אנדערן זענען זיי איינגעשלאפן, איינגעהילטע אין צער. אויסער צוויי בחורים, וועלכע האבן נישט געקענט איינשלאפן, און נישט קענענדיג שלום מאכן מיט'ן מצב, אז מען וועט די נאכט נישט קענען צינדן קיין חנוכה-ליכט, האבן זיי באשלאסן:



## ועל הנסים

### אויב מ'געדענקט נישט "ועל הנסים" אויף אויסנווייניג

**שאלה: אויב מען דאווענט שמונה עשרה און מען האט נישט פאר זיך קיין סידור, און מען קען נישט אויסנווייניג "על הנסים", צי מעג מען אויסטרעטן און גיין נעמען א סידור?**

**תשובה:** אויב קען מען ווינקען פאר איינעם צו ברענגען א סידור, איז בעסער אז מען זאל אזוי טון. אויב נישט, קען מען גיין נעמען א סידור וויבאלד עס פעלט אויס צום דאווענען, און מען זאל צוריקגיין צום פלאץ וואו מען האט אנגעהויבן שמונה עשרה און דאווענען דארט ווייטער.[17]

## דריידל

### שפילן דריידל שבת

**שאלה: צי מעג מען שבת שפילן מיט א דריידל מיט נאשעריי, ווי קענדיס א.ד.ג., אזוי ווי מען שפילט אינדערוואכן מיט געלט?**

**תשובה:** מען טאר נישט, ווייל עס זעט אויס ווי "מקח וממכר" (קויפן און פארקויפן). אזוי אויך טאר מען נישט שפילן און אפמאכן אז ווער עס וועט געווינען וועט באקומען נאך שבת א מתנה.[18]

**שאלה: צי מעג מען שבת שפילן מיט א דריידל (אָן געווינען און פארלירן)?**

**תשובה:** אין א משפחה וואו דאס עיקר שפילן געווענליך מיט'ן דריידל איז געווינען און פארלירן (וואס איז אסור שבת), אויב וויל מען שפילן סתם מיט א דריידל (אָן געווינען און פארלירן), זאל מען באשטימען א באזונדער דריידל נאר פאר שבת.[19]

## זהירות ביים ענטפערן אמן

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט,

וועגן דעם הארבן ענין נישט צו ענטפערן אמן נאכ'ן שליח ציבור ווילאנג ער האלט נאך אינמיטן ענדיגן דאס ווארט, וואלט געווען כדאי מעורר צו זיין ספעציעל יעצט אין די חנוכה-טעג וואס מען זאגט הלל און דער בעל-תפלה ענדיגט די ברכה "המברך את עמו ישראל בשלום" מיט'ן נוסח וואס מען זאגט אלעמאל פאר הלל, נישט צו ענטפערן אמן פאר ער ענדיגט אינגאנצן דאס ווארט "בשלום". אזוי אויך זאל דער בעל תפלה אכטונג געבן נישט אויסצוציען לאנג דאס ווארט בשלום.

לאמיר כאטש לערנען די הלכות פון חנוכה, און זאל דאס גערעכנט זיין אין הימל ווי מיר וואלטן מקיים געווען די מצוה בפועל. איינער פון די צוויי בחורים איז געווען הגאון רבי חיים שטיין זצ"ל. צוזאמען מיט זיין חבר איז ער אויפגעבליבן א גאנצע נאכט, רעדנדיג אין הלכות חנוכה און שיינע ענינים פונעם ליכטיגן יום טוב.

אייניגע מינוט פאר'ן עלות השחר, האט זיך פלוצלינג געעפנט די טיר פון זייער באן-קופע, און דער קאפ פון א פארגרעבטן פויער האט אריינגעגלאנצט. דער קערפער איז נאכגעקומען און האט גענומען שפאנען צווישן די דרימלענדיגע שאטנס אויף די באן-זיצן, מורמלענדיג דערביי צו זיך אליין, "מען שלאפט דא, מען שלאפט דא..." אדורכגייענדיג נעבן רבי חיים און דעם אנדערן בחור און זעענדיג ווי זיי שמועסן צווישן זיך, האט ער זיי געפרעגט, "איר שלאפט נישט?" די בחורים האבן אים אנגעקוקט און נישט געקענט ארויסרעדן קיין ווארט פאר שרעק.

ער איז געבליבן קוקן אויף זיי, און דערנאך האט ער געעפנט די האנט, און עס איז געלעגן דארט א ליכטל. "איר דארפט דאס ליכטל?" האט ער זיי געפרעגט, און נישט ווארטנדיג אויף קיין ענטפער האט ער אוועקגעלייגט פאר זיי דאס ליכטל. נאך איידער זיי האבן געקענט ארויסרעדן א ווארט פון מויל, האט ער זיך שוין געהאט אויסגעדרייט און איז אוועק פון דארט. "שנעל, שנעל!" האט רבי חיים זיך אנגערופן צום חבר. "עס איז שוין א פאר מינוט פאר'ן עלות, און מיר וועלן נישט קענען מער צינדן!" זיי האבן זיך שנעל צונויפגעקליבן, אויפגעוועקט א פאר פון די חברים און געצונדן דאס חנוכה-ליכטעלע!

ערשט יעצט האבן זיי געהאט צייט צו פרעגן קשיות. פון וואו האט ער ארויסגעשפראצט, דער פארשוין, דא אינמיטן נאכט? פון וואו האט זיך גענומען צו אים דאס ליכטל? און אז ער האט דאס שוין יא געהאט ביי זיך, וואס האט אים געבראכט אוועקצושענקען פאר זיי אזא טייער ארטיקל אין מלחמה-צייט?

"קומט, מיר מוזן גיין אים אויפזוכן און אפדאנקען!" האבן זיי אינאיינעם באשלאסן. "אפשר וועלן מיר זיך דערוויסן דערביי די סיבה פארוואס ער האט דאס אונז געגעבן, וואס עס איז געווען זיין כוונה דערמיט." זיי האבן אנגעהויבן ארומגיין פון איין וואגן צום אנדערן,

בס"ד
בשורה טובה לשוחרי תורה
מאת מפעל חק לישראל העולמי
ב"ה שנתאפשר כעת בנדיבת לב נדיב בעם
להפיץ לבתי מדרשים לטובת הציבור
סעט משנה לחק
בחנם
ספר השלמת ששה סדרי משנה ללומדי "חק לישראל" עם לוח מסודר לשנה או שנתיים

וכל הקודם זכה
אכטונג מתפללי בתי מדרשים:
אויב אייער ביהמ"ד האט עס נאך נישט, מאכט זיכער איבערצוגעבן פאר גבאי'ן וועג'ן יעצטיגן מעגליכקייט עס צו באקומען אומזינסט.
איר קענט הערן הערליכע שיעורי חק אויף 212.444.9955
גבאי הבתי מדרשים החפצים לקבלו יכולים להתקשר:
718.506.9365
עקסטענשן 4
נתנדב לע"נ האשה הצדקנית מרת פיגא בת מוה"ר אליעזר ע"ה
מפעל חק לישראל העולמי

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

## גליון המוגדל נתנדב

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה ר' מנחם נחום סיגל הי"ו**

**לרגל השמחה במעונו בהולדת הבת למז"ט**

יזכה להתברך בבני חיי ומזוני אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד ולרוות נחת דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא

## געדענקען אז ס'זענען געווען אמאל אזעלכע אידן

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט,

בנוגע דער מעשה וואס איר האט געשריבן אינעם פריערדיגן גליון, ווי הרה"ח ר' מיכל רובין ע"ה האט געוויינט פרייטאג צו-נאכטס אין בית המדרש און זיך נישט געקענט בארואיגן ווייל ער האט זיך געהאט פארערכנט מיט'ן זייגער, וויל איך איבערגעבן, אז איך גדענק די מעשה גוט. מיר זענען געווען דעמאלט יונגע בחורים, און קומענדיג אין בית המדרש יענעם פרייטאג צו-נאכטס, האט זיך באלד אריבערגעטראגן א שמועה צווישן די חברים אז ר' מיכל וויינט אויפ'ן קול. מיר האבן נישט געוואוסט "ווי אזוי דאס צו עסן". א זיידע וויינט, און נאך אויפ'ן קול?!...

הערנדיג שפעטער די סיבה פארוואס ער האט אזוי געוויינט, איז דאס מיר אריין טיף אין די ביינער. א איד וואס האט מיטגעמאכט די ביטערע מלחמה און פארלוירן וייב און קינדער, און נאך דער מלחמה האט ער נישט געהאט קיין קינדער ל"ע - און פארוואס וויינט ער אזוי? ווייל ער האט זיך פארערכנט מיט'ן זייגער נאך דער שקיעה! דאס איז געווען די ביטערסטע זאך וואס איז אים געשען.

היינט, אין א וועלט וואס מען טוט מצוות זוכה צו זיין צו די סגולות פון די מצוות, מאכן פרנסה, זען הצלחה אין פארשידנס, וואס אוודאי מתוך שלא לשמה קומט מען אן לשמה, איז אבער כדאי צו רעדן פון אזעלכע אידן וואס האבן געלעבט מיט דער תורה הק' און קיום המצוות לשמה בלב ונפש, "לעשות רצונך אלקי חפצתי", אן קיין אנדערע חשבונות; וויסן אז עס האבן געלעבט צווישן אונז אזעלכע טייערע אידן - ווי כ"ק אדמו"ר הק' זי"ע מסקווירא פלעגט זאגן, אויף דעם וואס ס'שטייט אז מען דארף אראפ נעמען די מעסערס פון טיש ביים בענטשן וויבאלד עס איז אמאל געווען איינער וואס האט ביי ברכת "בונה ירושלים" פון גרויס צער אויפ'ן חורבן זיך מזיק געווען, און כאטש היינט גלייבט זיך שווער אז איינער זאל צוקומען צו אזוינס וועגן צער אויפ'ן חורבן, איז דאס אבער א דערמאנונג אז אמאל זענען געווען אזעלכע אידן.

אגב, איז די מעשה בהשגחה פרטית געדרוקט געווען אין גליון אין דער וואך וואס עס איז געווען די יארצייט פון רבי מיכל ז"ל - ג' כסליו. זאל דאס התעוררות זיין לעילוי נשמתו.

## בדידי הוה עובדא - כמה גדולים דברי חכמים

לכבוד מכון הליכות החיים,

עס איז געשטאנען א צייט צוריק אינעם גליון אז ווען א גויטע רייניגט אין שטוב טאר מען נישט אוועקגיין און איר איבערלאזן אליין, צוליב א חשש אז זי וועט קאכן אין דעם איד'ס כלים כשר'ס (וואס איז אסור צוליב "בישול עכו"ם"), בשר בחלב אדער טריפה'נע עסן ר"ל. און אז ווען מען פארלאזט זיך אויף אן "איי" (קאמערע) דארף מען דאס איבערקוקן, און אויך דארף די גויטע וויסן אז עס איז דא א קאמערע און מען קוקט עס איבער. בשייכות דערמיט, וויל איך דא דערציילן א פערזענליכע מעשה, וואס "בדידי הוה עובדא".

ביי אונז אין שטוב קומט א גויטע רייניגן שוין א לענגערע צייט. ויהי היום, האבן מיר געדארפט אוועקגיין פון שטוב און מען האט זיך פארלאזט אויפ'ן עלעקטראנישן "אויג" וואס מיר האבן אין קיך. שפעטער, ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין הויז און איבערגעקוקט די קאמערע, האבן מיר געזען א שרעקעדיג בילד.

מיר האבן געזען אויף דער קאמערע ווי די גויטע האט גענומען א שטיקל פלייש וואס מיר האבן איר געגעבן, שיריים פונעם נאכטמאל וואס איז איבערגעבליבן פון א טאג פריער, און עס אריינגעלייגט אינעם "בעטי קראקער". דערנאך האט זי גענומען א פעקל קעז און ארויסגעגאסן דערפון אויפ'ן פלייש און דאס אזוי צוזאמען אנגעווארעמט, און דאן האט זי אפגעווישט דעם "בעטי קראקער" און צוריקגעלייגט.

בחסדי ה', האבן מיר דאס געזען באצייטנס און געוואוסט נישט צו ניצן דעם טריף-געווארענעם "בעטי קראקער" און די אנדערע כלים וואס זי האט גענוצט צום פרעגלען.

כמה גדולים דברי חכמים! ווי גרויס זענען די רייד פון אונזערע הייליגע חכמים, וואס האבן אונז אויסגעלערנט נישט זיך צו פארלאזן אויפ'ן נאמנות פון אזעלכע, נישט קיין חילוק וויפיל יאר זיי דרייען זיך שוין ביי אונז אין שטוב און ווי היימיש און "באגלייבט" זיי זענען.

דער זכות פון לימוד הלכה און קיום מצוות פון **זעכציג טויזנט אידן** בליעה"ר איז אייערס.
מנדב צו זיין דעם קומענדיגן "הליכות החיים" אדער א מדור אינעם גליון, רופט: 845-659-1547

אבער האבן אים נישט געקענט טרעפן, ווי די ערד וואלט אים איינגעשלונגען.

*

די מורא'דיגע מעשה האב איך געהערט פון רבי חיים שטיינ'ס טאכטער, רביצין וויינבערג, וואס איר טאטע פלעגט דאס דערציילן יעדעס יאר, יעדע נאכט פון חנוכה. איך האב געוואלט הערן די מעשה פונעם ראש ישיבה אליין, און איינמאל, ווען איך האב געהאט א שליח אהין, איינער וואס איז סיי-ווי געפארן קיין טעלז, האב איך אים געבעטן אריינצוגיין צו הגאון רבי חיים און אים פרעגן פערזענליך די מעשה מיט אלע דעטאלן, און צי ער מיינט אז דער פויער וואס האט זיי געגעבן דאס ליכטל איז געווען אליהו הנביא אליין.

ווען דער חבר איז צוריקגעקומען, האט ער מיר געזאגט אז רבי חיים האט אים דערציילט די מעשה מיט אלע איינצלהייטן, גענוי ווי איך האב עס געהאט געהערט, און וואס שייך מיין פראגע צי דאס איז געווען אליהו הנביא, האט ער געענטפערט, "איך בין שוין אריבער די ניינציג יאר. איך האב קיינמאל נישט זוכה געווען משיג צו זיין וואס עס הייסט דאס 'גילוי אליהו', אז איך זאל קענען זאגן צי דאס איז געווען אליהו הנביא אדער נישט; **אבער וואס איך קען יא זאגן מיט א זיכערקייט, אז ווען דער אויבערשטער זעט ווי א איד וויל מקיים זיין א מצוה מיט מסירת נפש, העלפט ער אים!"**

ער האט צוגעגעבן און באהויפטעט: "זאגט איבער פאר [הרה"ג ר' פנחס], אז אויב דערציילט ער דאס איבער, זאל ער שרייען ברבים פאר אלע וואס הערן אים אויס, 'זאלט איר וויסן אז ווען דער אויבערשטער זעט ווי איינער וויל מקיים זיין א מצוה מיט מסירת נפש, העלפט ער אים אז ער זאל דאס קענען מקיים זיין!'"

*

**מיטצוטיילן ערשט האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים, ביטע פארבינדט זיך צו דער הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכ'ן פעקס: 845-517-1692, אדער לאזט א מעסעדזש אויפ'ן טעלעפאן: 845-276-3170**

לז"נ מוה"ר שמואל דוד ב"ר צבי פינחס הכהן ע"ה ומוה"ר ישכר בער ב"ר טובי' גדלי' ע"ה - לא השאירו אחריהם זש"ק ונא ללמוד לעילוי נשמתם

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170